**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/28/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול רופט צוזאם די ניו יארק סטעיט אפיס פון גלויבן און נאָנ-פראפיט אנטוויקלונג סערוויסעס

***אפיס וועט ארבעטן מיט פארשידנארטיגע רעליגיעזע פירער צו העלפן אדרעסירן גייסטישע געזונטהייט, האסע פארברעכנס און קאמיוניטי זיכערהייט, אפארדעבילִיטי און אנדערע דרינגנדע אנגעלעגנהייטן***

***פונדאסניי אויסגעשטעלטע אפיס צו פארבינדן סטעיט רעגירונג מיטלען מיט נויטבאדערפטיגע קאמיוניטיס***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט צוזאמגערופן די פונדאסניי-אויסגעשטעלטע 'אפיס פון גלויבן און נאָנ-פראפיט אנטוויקלונג סערוויסעס' (Office of Faith and Non-Profit Development Services). די אפיס וואס פלעגט פארדעם גערופן ווערן ניו יארק'ס 'אפיס פון גלויבן-באזירטע קאמיוניטי אנטוויקלונג און סערוויסעס', וועט העלפן צושטעלן הילף פאר שוואכערע ניו יארקער און פארבינדן-קאמיוניטיס מיט סטעיט גרענט געלעגנהייטן.

"די ספר [משלי] זאגט, 'אזוי ווי אייזן שארפט אייזן, אזוי שארפט איין מענטש דעם צווייטן' (ברזל בברזל יחד ואיש יחד פני רעהו)." אין א צייט ווען פילע ניו יארקער מוטשענען זיך, ווערן מיר דערמאנט איבער די אחריות צו שטיצן און אונטערהייבן איינער דעם אנדערן, א זאך וואס מאכט אונז אלע שטערקער", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די אפיס פון גלויבן און נאָנ-פראפיט אנטוויקלונג סערוויסעס, צוזאמען מיט די גלויבנס אדווייזארי קאונסיל, זענען ערפארענע רעליגיעזע פירער וועלכע ווייסן וואס זייערע אנהענגער און איינוואוינער דארפן, זיי פארשטייען אז גלויבן שטארקט זיך איבער מחלוקת, און מיט זייערע אויגן און אויערן קענען מיר העלפן די וועלכע דארפן דאס די מערסטע."

רעליגיעזע קאמיוניטיס זענען אין א שטארקע פאזיציע צו קענען העלפן אדרעסירן טייל פון די גרעסטע שוועריגקייטן וואס ניו יארקער שטייען אויס, ארייננרעכענענדיג די איבערבלייבנדע השפעות פון א גלאבאלע פאנדעמיע אויף עקאנאמישע זיכערהייט און גייסטישע געזונטהייט, א לעצטיגע אויפשטייג אין האסע פארברעכנס און געזעלשאפטליכע מחלוקת און די נויט פאר מער אפאָרדעבעל האוזינג און גוטע דזשאבס. אין צוגאב זענען פילע ניו יארקער אומבאוואוסט פון די מיטלען און סערוויס וואס זענען דא צו באקומען פאר זיי, און די אפיס וועט אויפקלערן קאמיוניטיס איבער גרענטס און פראגראמען און זיי העלפן זיך אן עצה געבן מיט דעם אפליקאציע און באשטעטיגונג פראצעדור.

אלס חלק פון די היינטיגע אנאנס האט גאווערנער האקול אפגעצייכנט די אוועקשטעלונג פון די 'ניו יארק סטעיט גלויבנס קאונסיל" (Interfaith Council), אנגעפירט דורך אן עקזעקיוטיוו קאמיטע פון פארשידנארטיגע מיטגלידער, צו בויען און פלעגן קשרים צווישן ניו יארק סטעיט'ס קאמיוניטיס.

די קאונסיל, אנגעפירט דורך די עקזעקיוטיוו קאמיטע אין צוזאמענארבעט מיט די דירעקטארין פון די גלויבן אפיס, איז טיף פארמישט אין די רעליגיעזע קאמיוניטיס. די קאונסיל וועט באאויפטראגט ווערן צו זאמלען מאטעריאלן און צוזאמען אדרעסירן פראבלעמען אין די קאמיוניטיס, דאס אלעס בשותפות מיט די סטעיט רעגירונג, די פריוואטע סעקטאר און די אפיס פון גלויבן-באזירטע און קאמיוניטי אנטוויקלונג סערוויסעס. כדי צו העלפן אויספירן די אונטערנעמונג, וועלן די פירער – אלס עקזעקיוטיוו מיטגלידער פון די אפיס – פארן צו יעדע קאונטי פון ניו יארק אויף אן אויפקלערונג טור צו פארבינדן מיטלען מיט די וועלכע נויטיגן זיך אין זיי. די טור אין 62 קאונטיס וועט זיך קאנצענטרירן אויף דאס טרעפן וויכטיגע שותפים אין אלע ווינקלען פון די סטעיט, צו פארשטיין די אנגעלעגנהייטן אויפן שטח דורך:

- **אויפבויען קאפאציטעט**: פארבינדן גלויבן-באזירטע און נאָן-פראפיט ארגאניזאציעס מיט גרענט געלעגנהייטן
- **בויען קאאליציעס**: ארגאניזירן לאקאלע באגעגענישן פאר נעטווארקינג און אנדערע געלעגנהייטן
- **צוזאמענארבעט מיט קאמיוניטי**: ארבעטן מיט די OTDA, OCFS, DOS, HCR און די גאווערנער'ס סטעיט נאָן-פּראַפיט קאארדינירנדע איינהייט צו העלפן קאמיוניטיס ליפערן סערוויסעס צו זייערע מערסט נויטבאדערפטיגע איינוואוינער און באקעמפן די שורשים פון ארימקייט
- **צושטעלן שטיצע צו באקומען גרענטס**

די סטראטעגיע וועט אונטערהעלפן סטעיט אגענטורן צו פארבינדן ווערן מיט נויטבאדערפטיגע קאמיוניטיס דורכן אינוועסטירן 5 מיליאן דאלאר צו אוועקשטעלן אפעראציעס און פירן צו גרענטס ווערנדיג ארויסגעגעבן. די ערשטיגע פינאנצירונג וועט זיין 1.5 מיליאן דאלאר, ארויפגייענדיג צו 3 מיליאן דאלאר אזוי ווי די אפיס וועט באקומען די מעגליכקייטן צו גיבן גרענטס פאר נאָן-פראפיט ארגאניזאציעס פאר ביז 3.5 מיליאן דאלאר. די מיטלען רעכענען אריין, צווישן אנדערע, אפאָרדעבעל האוזינג; זיך אפרופן צו דיסקרימינאציע און פארמיידן האסע פארברעכנס; באקעמפן מוטערליכע שטערבליכקייט; צוטריט צו גייסטישע געזונטהייט קעיר; מאכן געגנטער זיכער; און העלפן מער מענטשן זיך ערלויבן א קאלעדזש בילדונג.

פירערין פון די אפיס פון גלויבן און נאָן-פראפיט אנטוויקלונג סערוויסעס וועט זיין גייסטליכע קאורע נ. וואשינגטאן. בעפארן באשטימט ווערן אלס דירעקטארין פון די אפיס פון גלויבּב און נאָן-פראפיט אנטוויקלונג, איז מיניסטארשע וואשינגטאן געווען די געהילף גייסטליכע ביי די New Mount Zion Baptist Church קירכע אין הארלעם.

**די ניו יארק סטעיט אפיס פון גלויבן און נאָן-פראפיט אנטוויקלונג סערוויסעס דירעקטארין, קאורע נ. וואשינגטאן, האט געזאגט**, "עס איז מיר אן עהרע צו דינען אלס דירעקטארין פון די גלויבן און נאָן-פּראַפּיט אנטוויקלונג סערוויסעס אונטער די פירערשאפט פון גאווערנער קעטי האקול. די גאווערנער האט ארויסגעוויזן איר איבערגעגעבנקייט און פארפליכטונג צו די גלויביגע קאמיוניטי דורכן פונדאסניי אוועקשטעלן און איבערפרישן די אפיס. איך קוק ארויס צו ארבעטן מיט גלויבן פירער און נאָן-פּראַפּיט ארגאניזאציעס אריבער די סטעיט צו גיבן א שטימע פאר די אנטוויקלנדע באדערפענישן פון יעדע קאמיוניטי און פאר די געוואלדיגע ארבעט וואס ווערט שוין יעצט עררייכט דורך די גלויביגע קאמיוניטי."

**ניו יארק סטעיט סעקרעטערי אָוו סטעיט, ראבערט דזש. ראדריגעז, האט געזאגט,** "די סטעיט דעפּארטמענט איז גרייט און וויליג צו צושטעלן שטיצע פאר די ניו יארק אפיס פון גלויביגע און נאָן-פּראַפּיט אנטוויקלונג. גאווערנער האקול ווייסט אז פירער פון אנדערע גלויבנס קענען דינען אלס א טרייב קראפט פאר אחדות און פארשטאנד און אז דורכן זיי צוזאמברענגען צוזאמען, קענען מיר אויפבויען שטארקע און פארבינדענע קאמיוניטיס און ווערן א מאכטפולע כוח פאר פאזיטיווע טויש."

די עקזעקיוטיוו קאמיטע מיטגלידער זענען:

- אינערליכע פארזיצער: סעקרעטאר ראבערט ראדריגעז
- פרעזידענט: רעווערענד א.ר. בערנארד
- דזשעניפער דזשאָונס אוסטין
- ראביי דבורה בראווא
- ראביי שרון קליינבוים
- מאורי ליטוואק
- מאָנסעניאר קעווין סאָליוועז
- גייסטליכער דעריוס פרידזשען
- רעווערענד קיע ברוקס
- רעווערענד דר. פרענקלין ריטשארדסאן
- בישאף פרענק ווייט
- רעווערענד דזשאן קארטער
- אימאם מאנסור ראפיק
- בישאף רעימאנד ריווערא
- מאָנסעניאר קעווין סאָליוועז
- רעווערענד דר. מאלקאלם דזש. בירד
- גייסטליכער קארל וואשינגטאן דזשוניאר
- רעווערענד דר. דזשאני גרין

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן